**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/10/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער ביל פארלאנגענדיג שפראך הילף פראגראמען אין שפיטעלער אריבער די סטעיט**

**פארזיכערנדיג גערעכטע העלט קעיר צוטריט פאר מיליאנען ניו יארקער וועלכע רעדן א שפראך חוץ פון ענגליש**

***ביל S6288B/A387B פארלאנגט צופרידנשטעלנדע שפראך הילף פראגראמען אין אלע ניו יארק סטעיט שפיטעלער***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אונטערגעשריבן א ביל וואס פאדערט פון אלגעמיינע שפיטעלער אריבער די סטעיט צו אוועקשטעלן א שפראך הילף פראגראם צו זיכער מאכן אז פאציענטן קענען צוקומען צו אלע העלט קעיר סערוויסעס. די ביל בויט ארויף אויף ניו יארק'ס ראלע אלס א נאציאנאלע פירערין ווען עס קומט צו אראפברעכן מויערן וואס שטייען אין וועג פון העלט קעיר און הילפס-מיטלען פון א הויכע קוואליטעט.

"עס קומט זיך פאר יעדן איינעם צו האבן די רעכט צו צוגענגליכע העלט קעיר, פריי פון שפראך פראבלעמען וועלכע פארמיידן זיי פון צוקומען צו די סערוויסעס וואס זיי דארפן", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "דאס אונטערשרייבן די ביל מאכט זיכער אז אלע ניו יארקער, אפגעזעהן פון זייער הויפט שפראך, ווערן באהאנדלט בכבוד און מיט מיטגעפיהל."

די ביל וועט פארלאנגען פון יעדע אלגעמיינע שפיטאל צו אוועקשטעלן א שפראך הילף פראגראם וואס לייגט צו געוויסע עלמענטן, אריינרעכנענדיג:

- דעזיגנירן א שפראך הילף קאארדינעיטאר
- אוועקשטעלן פאליסיס און פראצעדורן וואס פארזיכערן די צייטליכע דערקענונג און אנגייענדע צוטריט פאר פאציענטן וועלכע נויטיגן זיך אין שפראך הילף סערוויסעס
- אנגייענדע עדזשוקעישען און טרענירונג פאר שפיטאל איינגעשטעלטע
- פאסיגע שילדן
- דאקומענטירן די שפראך איסוואהל אין מעדיצינישע רעקארדס
- צושטעלן פעהיגע דאלמעטשערס און אנדערע איינגעשטעלטע וועלכע זענען פעהיג מיטן קאמוניקירן מיט מענטשן וועלכע האבן זעה-קראפט אדער הער-קראפט שוואכקייטן פאר פאציענטן וועלכע נויטיגן זיך אין אזעלכע סערוויסעס

**סטעיט סענאטאר Gustavo Rivera (גוסטאוואָ ריווערא) האט געזאגט,** "דאס פארזיכערן שפראך צוגענגליכקייט ביי שפיטעלער פאר יעדן ניו יארקער איז גאר וויכטיג פאר א סטעיט וואס וויל זיכער מאכן אז יעדער איינער האט צוטריט צו קעיר. א דאנק פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן אונטערשרייבן די ווערטפולע ביל דורך סענאטאר Liu (ליוּ) און אסעמבלי מיטגלידערין Rozic (ראָוזיק)."

**סטעיט סענאטאר John Liu (דזשאן ליוּ) האט געזאגט,** "יעדער פאציענט וואס גייט אריבער די טירן פון א שפיטאל דארף האבן די מעגליכקייט צו קאמוניקירן מיט א קלארקייט און זיכערהייט מיט זייער דאקטאר, באזונדערס דורכאויס עמערדזשענסיס ווען די צייט איז קריטיש. צום באדויער, דארפן נאכאלץ פילע יונגע קינדער איבערטייטשן קאמפליצירטע העלטקעיר אינפארמאציע פאר זייערע אימיגראנט עלטערן צוליב נישט גענוג שפראך שטיצע אריבער סטעיט שפיטעלער. די ביל וועט זיכער מאכן אז דאס צושטעלן סערוויסעס אין דעם פאציענט'ס שפראך איז נישט אגב'דיג — נאר א פארלאנג פאר אלע פון ניו יארק'ס שפיטעלער, כדי אלע ניו יארקער זאלן פילן זיכער אז זייער העלטקעיר איז אין גוטע הענט."

**אסעמבלי מיטגלידערין Amy Paulin (עימי פאולין) האט געזאגט,** "אסעמבלי מיטגלידערין Rozic (ראָוזיק) און סענאטאר Liu (ליוּ) זענען געווען קעמפער פאר פאציענטן וועלכע מוטשענען זיך צו אפט ביים זיך אן עצה גיבן מיט אונזער העלט-קעיר סיסטעם, און די ביל שפיגלט אפ זייער שטארקע פארפליכטונג צו גערעכטיגקייט אין קעיר. עס פילט אן א לאנגיאריגע שפאלט צו העלפן זיכער מאכן אז אונזערע שפיטעלער ערפילן בעסער די באדערפענישן פון די קאמיוניטיס וועלכע זיי באדינען, און איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן דאס ארייננשרייבן אין געזעץ."

**אסעמבלי פרוי Nily Rozic (נילי ראָוזיק) האט געזאגט,** "זיך אן עצה גיבן מיט העלטקעיר טאר נישט זיין געוואנדן אויף אייער ענגליש קענטעניס — עס דארף זיין געוואנדן אויף אייערע באדערפענישן אלס א פאציענט. איך בין טיף דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן אנערקענען די דרינגנדע וויכטיגקייט פון די נושא און פאר סענאטאר John Liu (דזשאן ליוּ) פאר זיין פעלזן-פעסטע שותפות ביים דאס דורכפירן. צוזאמען, מאכן מיר אונזערע שפיטעלער בעסער אפשפיגלען די קאמיוניטיס וועלכע זיי באדינען."

**אסעמבלי מיטגלידערין Michaelle Solages (מיקאַעל סאלאַזש) האט געזאגט,** "יעדער ניו יארקער האט די רעכט צו באקומען מעדיצינישע קעיר פון א הויכע קוואליטעט, און שפראך טאר קיינמאל נישט צוריקהאלטן איינעם פון באקומען די הילף וואס זיי דארפן. דער געזעץ ברענגט אונז נאענטער צו א סיסטעם וואס איז גערעכט, צוגענגליך און וואס קען זיך קולטוריש צופאסן. דורכן אויסברייטערן שפראך הילפס-מיטלען, טוהען מיר זיכער מאכן אז פאציענטן קענען קלארערהייט קאמוניקירן מיט זייערע פראָוויידערס אן זיך זארגן איבער מיספארשטענדענישן. איך באדאנק גאווערנער Hochul (האקול), אסעמבלי פרוי Rozic (ראָוזיק) און סענאטאר Liu (ליוּ) פארן פאראויס שטופן די וויכטיגע ביל."

**אסעמבלי מיטגלידערין Karines Reyes (קארינס רעיעס), R.N. האט געזאגט,** "ניו יארק איז א היים צו גרויסע באפעלקערונגען פון מענטשן וואס רעדן נישט ענגליש, מענטשן וואס האבן הער-קראפט שוואכקייטן און אנדערע, וועלכע פארלאזן זיך אויף אלגעמיינע שפיטעלער פאר קעיר פון א הויכע קוואליטעט. שפראך שוועריגקייטן זענען אן ערנסטע אפהאלט צו צושטעלן קעיר צו די באדייטנד גרויסע באפעלקערונגען, און גאווערנער Hochul'ס (האקול) אונטערשרייבונג פון די קריטישע ביל מאכט ערנסטע פארשריט מיטן אוועקנעמען די שוועריגקייטן. איך קוק ארויס צו זעהן וויאזוי מעדיצינישע איינריכטונגען וועלן שעפעריש אויסברייטערן צוטריט צו העלט קעיר, דורכן אוועקשטעלן פראטאקאלן און פראגראמען צו ערלויבן זיך צו צופרידנשטעלנדערהייט צושטעלן צו אלע פאציענטן וועלכע נויטיגן זיך אין שפראך הילף."

**אסעמבלי מיטגלידערין Jessica González-Rojas (דזשעסיקע גאנזאלעז-ראָהאַס) האט געזאגט,** "די היינטיגע אונטערשרייבונג פון ביל A387B איז א גרויסע געווינס פאר ניו יארקער וועלכע קומען זיך קלארע, צוגענגליכע קאמוניקאציע ווען זיי ווענדן זיך פאר קעיר אין שפיטאל. דער געזעץ פארלאנגט פון שפיטעלער צו צושטעלן קריטישע שפראך-הילף סערוויסעס – ארייננרעכנענדיג איבערגעזעצטע בויגנס און צוטריט צו דאלמעטשערס – כדי פאציענטן זאלן קענען פארשטיין זייער באהאנדלונג, בילס און

נאכפאלגנדע קעיר. אלס איינער וואס פארטרעט איינס פון די מערסטע קולטוריש- און שפראך-פארשידנארטיגע קאמיוניטיס אין די סטעיט, ווייס איך ווי טראנספארמאטיוו – און אפילו לעבנס-ראטעווענד – די ביל קען זיין פאר פאמיליעס ווי מיין. איך וויל באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול) פארן אונטערשרייבן די קריטישע ביל, און איך גראטוליר אסעמבלי מיטגלידערין Nily Rozic (נילי ראָזיק) און סענאטאר John Liu (דזשאן ליו) פאר זייער פירערשאפט ביים קעמפן דערפאר. מיט ביל A387 יעצט זייענדיג א געזעץ, מאכן מיר אונזער העלטקעיר סיסטעם מער גערעכט און מיט די מעגליכקייט זיך צו צופאסן צו די באדערפענישן פון אלע אונזערע קאמיוניטיס."

**אסעמבלי פרוי Jenifer Rajkumar (דזשעניפער ראַדזשקומאַר) האט געזאגט,** "אלס א פארטרעטערין פון קווינס, די מערסטע שפראך-פארשידנארטיגע קאמיוניטי אין די וועלט, בין איך שטאלץ צו זיין א קאָ-ספאנסאר פון די ביל צו גאראנטירן שפראך צוגענגליכקייט פאר אלע ניו יארקער. אין מאמענטן פון קריזיס – באזונדערס אין די עמערדזשענסי רום – קען צייטליכע קעיר מיינען די חילוק צווישן לעבן און טויט. קיינער טאר קיינמאל נישט צוריקגעוויזן ווערן קעיר צוליב א שפראך שוועריגקייט. מיט די ביל ווערנדיג יעצט א געזעץ, האלטן זיך מיר צו אן איינפאכע אבער טיפע אמת: יעדער ניו יארקער – צי זיי רעדן אן אנדערע שפראך אדער קאמוניקירן מיט שטום לשון – האט די רעכט צו געזעהן, דערהערט און פולשטענדיג געשטיצט ווערן ביים זיך ווענדן פאר העלטקעיר."

**אסעמבלי מיטגלידערין Grace Lee (גרעיס לי) האט געזאגט,** "שפראך שוועריגקייטן פארמיידן צו אפט פון אימיגראנט ניו יארקער פון קענען פארשטיין זייער אייגענע מעדיצינישע קעיר. די ביל וועט העלפן זיכער מאכן אז יעדער פאציענט, אפגעזעהן פון וועלכע שפראך זיי רעדן, קען שתדל'ן פאר זיך אליין און זיך בעסער אן עצה געבן מיט די העלטקעיר סיסטעם. א דאנק פאר אסעמבלי מיטגלידערין Nily Rozic (נילי ראָזיק) און סענאטאר John Liu (דזשאן ליו) פארן שטיין אין שפיץ פון די וויכטיגע ביל, און פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן עס אריינשרייבן אין געזעץ."

**אסעמבלי מיטגליד Steven Raga (סטיווען ראגא) האט געזאגט,** "קיינעם'ס געזונטהייט טאר נישט געשטעלט ווערן אין געפאר פשוט ווייל זיי רעדן אן אנדערע שפראך. אלס היים צו איינס פון די מערסט פארשידנארטיגע געגנטער אין די וועלט, ווערן די שוועריגקייטן געפילט באזונדערס שטארק דא אין קווינס. דאס אריבערפירן ביל A387 איז א נויטיגע טריט צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער קענען צוקומען צו די העלטקעיר פון א הויכע קוואליטעט וואס קומט זיך זיי דורכן גאראנטירן צו צושטעלן איבערזעצונג סערוויסעס."

**CACF'ס קאָ-עקזעקיוטיוו דירעקטארינס, Anita Gundanna (אניטע גונדאנא) און Vanessa Leung (וואנעסא ליונג), האבן געזאגט,** "שפראך צוגענגליכקייט איז געזונטהייט גערעכטיגקייט. יעצט אין ניו יארק סטעיט, האבן איבער א דריטל פון אזיאנער אמעריקאנער ניו יארקער באגרעניצטע ענגליש קענטעניס (limited English proficient, LEP) און די שפראך שוועריגקייטן האבן א גרויסע השפעה אויף פאמיליעס אזוי ווי זיי פרובירן זיך אן עצה צו גיבן מיט די העלטקעיר סיסטעם. מיר באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול) פארן אריינשרייבן די שפיטאל שפראך צוגענגליכקייט ביל S6288B/A387B אין געזעץ. דאס איז א קריטישע טריט פאראויס צו זיכער מאכן אז אלע פאציענטן – אפגעזעהן פון וועלכע שפראך זיי רעדן – וועלן באקומען פולשטענדיגע צוטריט צו די העלטקעיר סערוויסעס וואס זיי דארפן אין ניו יארק סטעיט'ס שפיטעלער. דאס האבן צוטריט צו קולטוריש-צוגעפאסטע שפראך הילף קאארדינעיטארס וועט זיין טראנספארמאטיוו פאר אונזערע לקאמיוניטי מיטגלידער וועלכע ווענדן זיך פאר מעדיצינישע קעיר. CACF און אונזער קאאליציע זענען דאנקבאר פאר די פירערשאפט פון ביל ספאנסארס אסעמבלי פרוי Nily Rozic (נילי ראָזיק) און סענאטאר John Liu (דזשאן ליו) פארן פירן די ביל צו ווערן געזעץ. אונזער קאאליציע איז שטאלץ צו האבן געשתדל'ט פאר די ביל צוזאמען מיט זיי, און מיר וועלן פארזעצן צו ארבעטן צו זיכער מאכן אז שפראך צוגענגליכקייט סערוויסעס ווערן פארשטערקערט אריבער די סטעיט."

**Chinese-American Planning Council פרעזידענט און CEO, Wayne Ho (וועין האָו), האט געזאגט,** "מיר באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול) פארן ארייננשרייבן ביל S6288B/A387B אין געזעץ און אויסברייטערן שפראך צוגענגליכקייט אין שפיטעלער אריבער ניו יארק. מיר הערן פון די קאמיוניטי מיטגלידער וועם מיר דינען יעדן טאג איבער וויאזוי זיי מוטשענען זיך צו צוקומען צו קריטישע סערוויסעס ווי שפיטאל און געזונטהייט אפוינטמענטס. אונזערע קאמיוניטיס מיט באגרעניצטע ענגליש קענטעניס און אזיאנער-אמעריקאנער קאמיוניטיס קומען זיך בכבוד'דיגע באהאנדלונג, קעיר און די מעגליכקייט צו קאמוניקירן זייערע מעדיצינישע געברויכן און פארשטיין זייער באהאנדלונג אין די שפראך וואס זיי רעדן, באזונדערס אויף א צייטליכע פארנעם. דער געזעץ נעמט אונטער באדייטפולע שריט צו אדרעסירן די אומערפילטע נויטיגע קעיר און צו פארזיכערן מער גערעכטיגקייט אין באהאנדלונג פאר די מערסט עמפינדליכע ניו יארקער. מיר זענען טיף דאנקבאר פאר אסעמבלי פרוי Rozic (ראָוזיק) און סענאטאר John Liu (דזשאן ליו) פאר זייער אנגייענדע פירערשאפט ביים אויפהייבן אונזערע אימיגראנט קאמיוניטיס."

**AAF אסאָוסיעט דירעקטארין פון פראגראמען, Daphne Thammasila (דעפני טאממאסילע), האט געזאגט,** "ביי די Asian American Federation, זעהען מיר יעדן טאג ווי קריטיש שפראך צוגענגליכקייט איז צו די געזונטהייט און וואוילזיין פון אזיאנער ניו יארקער. נאענט צו האלב פון אזיאנער ניו יארקער – און איבער 70% פון אונזערע עלטערע מענטשן – שטייען אויס ערנסטע שוועריגקייטן ביים באקומען קעיר צוליב שפראך צוגענגליכקייט שפאלטן. קיינער טאר נישט געלאזט ווערן זיך מוטשענענדיג צו באקומען מעדיצינישע הילף איינפאך ווייל א דאלמעטשער איז נישט אוועילעבעל. און דערפאר שטופט AAF פאר שעפערישע לייזונגען, ארייננרעכענענדיג אן אזיאנע שפראך דאלמעטשער ארבעטער קאאפעראטיוו, די ערשטע פון די סארט, צו אויסברייטערן סערוויסעס פון א הויכע קוואליטעט אריבער די סיטי. מיר באדאנקען אסעמבלי פרוי Rozic (ראָוזיק) און סטעיט סענאטאר Liu (ליו) פארן קעמפן פאר די ביל, און מיר אפלאדירן גאווערנער Hochul (האקול) פארן עס אונטערשרייבן. עס קומט זיך פאר אלע ניו יארקער העלטקעיר פון א הויכע קוואליטעט, אפגעזעהן פון וועלכע שפראך זיי רעדן."

**Asian Americans for Equality (AAFE) עקזעקיוטיוו דירעקטאר, Thomas Yu (טאמאס יו), האט געזאגט,** "מיר ווילן באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול) פארן ארייננשרייבן די וויכטיגע ביל און געזעץ, און אסעמבלי פרוי Rozic (ראָוזיק) און סענאטאר Liu (ליו) פארן קעמפן פאר א ביל וואס וועט פארבעסערן מעדיצינישע קעיר פאר מיליאנען ניו יארקער. יעדן טאג ביי AAFE, העלפן מיר קאמיוניטי מיטגלידער מיט באגרעניצטע ענגליש קענטעניס זיך אן עצה צו גיבן מיט לעבנסוויכטיגע העלטקעיר סערוויסעס. און דערפאר ווייסן מיר ווי שווער עס קען זיין פאר פאציענטן צו קאמוניקירן מיט דאקטוירים און אנדערע העלטקעיר פראפעסיאנאלן. דער נייער געזעץ וועט העלפן זיכער מאכן אז יעדער האט צוטריט צו די מעדיצינישע קעיר פון א הויכע קוואליטעט וואס קומט זיך זיי."

**CAIPA פרעזידענט און CEO, Dr. George Liu (דר. דזשארדזש ליו), MD. Ph.D, האט געזאגט,** "אלס אן ארגאניזאציע וואס פארטרעט מער פון 1,400 קאמיוניטי דאקטוירים און שטעלט צו העלטקעיר פון די העכסטע קוואליטעט פאר איבער 500,000 אזיאנער ניו יארקער, טוט CAIPA שטארק שטיצן ארומנעמיגע שפראך צוגענגליכקייט אין אלע שפיטעלער. דס זיכער מאכן אז פאציענטן קענען קאמוניקירן אין די שפראך פון זייער אויסוואהל איז קריטיש פאר זיכערהייט, גערעכטיגקייט און קעיר פון א הויכע קוואליטעט. קיין איין פאציענט טאר נישט געלאזט ווערן צו אויסשטיין שוועריגקייטן וועלכע פארמיידן זיי פון פארשטיין זייער געזונטהייט אדער באהאנדלונג."

**MinKwon Center for Community Action צווישן-צייטיגע עקזעקיוטיוו דירעקטארין, Yoon Ji Kim (יון דזשי קים), האט געזאגט,** "דאס איז א היסטארישע געווינס פאר געזונטהייט גערעכטיגקייט אין ניו יארק. פאר 41 יאר, שטיצט שוין די Minkwon Center for Community Action קארעאנער,

כינעזישער און AAPI אימיגראנטן צו צוקומען צו קעיר און לעבנסוויכטיגע הילפס-מיטלען, אבער מיר האבן אייביג געוואוסט אז אונזערע באמיאונגען קענען נישט אליין פארריכטן א סיסטעמאטישע קריזיס. מיר זעהען ווי אזיאנער ניו יארקער מוטשענען זיך צו זיך אן עצה גיבן מיט שפיטעלער יעדן טאג צוליב שפראך שוועריגקייטן. אונזער געזונטהייט אנקעטע האט פעסטגעשטעלט אז דאס אייז איינס פון די דריי הויפט שטרויכלונגען וואס שטייען אין וועג פון צוקומען צו העלטקעיר, און 87% פון די מענטשן וועם מיר האבן איינגעשריבן אין אינשורענס דאס יאר רעדן נישט ענגליש אלס זייער ערשטע שפראך. דאס איז צוריקווייזן פונדאמענטאלע מענטשן רעכטן מיט פאטענציאל-טויטליכע קאנסעקווענצן. מיט ביל A387B/S6288B, האט די סטעיט סוף כל סוף אהערגעשטעלט אן עכטע לייזונג, זיכער מאכנדיג אז שפיטעלער שטעלן צו פעהיגע דאלמעטשערס און באדייטפולע צוטריט. מיר זענען טיף דאנקבאר פאר אסעמבלי מיטגלידערין Rozic (ראָוזיק) און סענאטאר Liu (ליו) פאר א יאר צענדליג פון שתדלנות, און פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן אונטערשרייבן די ביל צו באשיצן די געזונטהייט פון אלע אימיגראנט ניו יארקער."

**Women for Afghan Women עקזעקיוטיוו דירעקטארין, Dr. Susan Aryan Antolin (דר. סוזען אריאן אנטאלין), האט געזאגט,** "שפראך קען זיין די חילוק צווישן קעיר און פארנאכלעסיגונג. ביי Women for Afghan Women (WAW), ארבעטן מיר מיט פאמיליעס וועלכע מוטשענען זיך צו צוקומען צו אפילו פונדאמענטאלע מעדיצינישע אינפארמאציע ווייל דאלמעטשערס ווערן נישט צוגעשטעלט אין זייער שפראך. די ערפארונג איז מיטגעטיילט דורך אימיגראנט און פליטים ניו יארקער אריבער די סיטי. די ביל איז גאר וויכטיג ווייל אמת'ע שפראך צוגענגליכקייט אין שפיטעלער איז נישט אויפן פארהאנדלונג טיש — עס ראטעוועט לעבנס."

**American Pakistani Advocacy Group פרעזידענט, Ali Rashid (אלי ראשיד), האט געזאגט,** "מיר אפלאדירן גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) פארן אריינשרייבן A387B/S6288B אין געזעץ — א היסטארישע טריט וואס מאכט זיכער אז שפראך איז מער נישט אן אפהאלט צו העלטקעיר פון א הויכע קוואליטעט אין ניו יארק. פאר צאללאזע פאקיסטאנער, דרום-אזיאנער און אימיגראנט פאמיליעס, וועט די ביל מיינען זיכערערע באהאנדלונג, קלארערע קאמוניקאציע און די בכבוד'דיגע באהאנדלונג וואס קומט זיך פאר יעדן פאציענט. מיר זענען טיף דאנקבאר פאר אסעמבלי פרוי Nily Rozic (נילי ראָוזיק) און סענאטאר John Liu (דזשאן ליו) פארן קעמפן פאר די קריטישע ביל און פאר זייער פארפליכטונג צו גערעכטיגקייט אין אונזער שפיטאל סיסטעם. די אונטערשרייבונג שיקט א מאכטפולע מעסעדזש אז יעדער ניו יארקער, אפגעזעהן פון וועלכע שפראך זיי רעדן, האט די רעכט צו געהערט ווערן, פארשטאנען ווערן און באקומען קעיר."

**The Korean American Family Services Center עקזעקיוטיוו דירעקטארין, Jeehae Fischer (דזשיהעי פישער), האט געזאגט,** "יעדן טאג ביי די Korean American Family Service Center, זעהען מיר וויאזוי שפראך שוועריגקייטן פארטיפן זארגן און איזולירונג פאר אימיגראנט איבערלעבער און זייערע פאמיליעס. מיר האבן געארבעט מיט אן איבערלעבערין וועלכע איז אנגעקומען אין שפיטאל נאכן געשטאכן ווערן דורך איר מאן, און אזוי ווי עס איז נישט געווען קיין דאלמעטשער אוועילעבעל, איז איר קליינע קינד געצווינגען געווען צו איבערטייטשן וואס איז געשעהן צו איר מאמע און ערקלערן אירע טאטע'ס געוואלדטאטן פאר מעדיצינישע איינגעשטעלטע. קיין איין קינד טאר קיינמאל נישט געלאזט ווערן צו טראגן אזא לאסט, און קיין איין איבערלעבער טאר נישט געלאזט ווערן צו דארפן קעמפן פאר זיכערהייט און היילונג אין א שפראך וואס זיי רעדן נישט. מיט די אריינשרייבונג פון די ביל אין געזעץ, נעמט ניו יארקער אונטער א קריטישע טריט אין ריכטונג פון באמת גערעכטע העלטקעיר דורכן זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער, באזונדערס איבערלעבער פון דזשענדער-באזירטע געוואלדטאטן, האבן צוטריט צו קולטוריש- און שפראך-צוגעפאסטע קעיר, צוגעשטעלט מיט בכבוד'דיגע באהאנדלונג, קלארקייט און מיטגעפיהל. מיר זענען טיף דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) און פאר לעגיסלאטיווע קעמפער סענאטאר John Liu (דזשאן ליו) און אסעמבלי מיטגלידערין Nily Rozic (נילי

ראָוזיק) פאר זייער פעלזן-פעסטע פירערשאפט ביים מאכן די שוץ פאר א רעאליטעט פאר אימיגראנט איבערלעבער און פאמיליעס אריבער אונזער סטעיט."

**South Asian Council for Social Services דירעקטאר פון געזונטהייט סערוויסעס, Rehan Mehmood (ריהאן מעהמוד), האט געזאגט,** "די South Asian Council for Social Services (SACSS) דרוקט אויס אירע טיפסטע דאנקן פאר די געעהרטע גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) פארן ארייננשרייבן די שפיטאל שפראך צוגענגליכקייט ביל אין געזעץ, א קריטישע טריט אין ריכטונג פון זיכער מאכן אז יעדער ניו יארקער קען באקומען קעיר בכבוד'דיגערהייט און מיט פארשטאנד. מיר זענען אויך דאנקבאר פאר סענאטאר John Liu (דזשאן ליו) און אסעמבלי מיטגלידערין Nily Rozic (נילי ראָוזיק) פאר זייער פירערשאפט און פארן ארבעטן פון די נאענט מיט געזעצגעבער און קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס צו מאכן די ביל פאר א רעאליטעט. צוטריט צו שפראך פאר אונזערע קאמיוניטיס אין שפיטעלער וועט פארשטערקערן אונזער העלטקעיר סיסטעם."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגלידערין Sandra Ung (סאנדרא אונג) האט געזאגט,** "די היינטיגע אונטערשרייבונג צייכנט אפ א וויכטיגע דערגרייכונג פאר אימיגראנטן און ניו יארקער מיט באגרעניצטע ענגליש קענטעניס. אין א קאמיוניטי וואס איז אזוי שפראך-פארשידנארטיג ווי פלאָשינג, מוטשענען זיך פילע פאציענטן צו פארשטיין זייער דיאגנאזע, באהאנדלונג אדער באפרייאונג אנווייזונגען, איינפאך ווייל זיי האבן נישט קיין צוטריט צו א דאלמעטשער. איך וויל באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול) פארן אונטערשרייבן די ביל, וואס מאכט זיכער אז יעדער פאציענט קען באקומען קראנטע אינפארמאציע און זיך אן עצה געבן מיט די העלטקעיר סיסטעם זיכערערהייט און מיט א רואיגע געוויסן, אפגעזעהן פון וועלכע שפראך זיי רעדן. א דאנק די ארבעט און פירערשאפט פון אסעמבלי פרוי Rozic (ראָוזיק) און סטעיט סענאטאר Liu (ליו), וועט אונזער העלטקעיר סיסטעם יעצט זיין מער גערעכט און צופאסנד צו די געברויכן פון אלע ניו יארקער."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגלידערין Linda Lee (לינדע לי) האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער Hochul (האקול) און אונזערע שותפים אויף די סטעיט שטאפל פאר זייער פירערשאפט ביים מאכן אונזער העלטקעיר סיסטעם מער שפראך צוגענגליך. מיר האבן א מאראלישע אחריות צו זיכער מאכן אז סערוויסעס זענען צוגענגליך צו די פארשידנארטיגע קאמיוניטיס פון ניו יארק סיטי, און די וויכטיגע ביל וועט העלפן פאמיליעס באקומען די קעיר פון א הויכע קוואליטעט וואס קומט זיך זיי."
**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגלידערין Alexa Avilés (אלעקסע אווילעס) האט געזאגט,** "ניו יארק מוז פארזעצן צו קעמפן פאר שפראך צוגענגליכקייט צו ארויסהעלפן ניו יארקער ביים צוקומען צו פובליק סערוויס און קעיר. דאס איז אן אויסגעצייכנטע איניציאטיוו וואס וועט פארבעסערן אונזער פובליק געזונטהייט."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגלידערין Mercedes Narcisse (מערסעידיס נארסיס), האט געזאגט,** "אלס פארזיצערין פון די סיטי קאונסיל'ס קאמיטע אויף שפיטעלער (Committee on Hospitals) און אלס אן אימיגראנט וואס איז געקומען צו די לאנד רעדנדיג כמעט נישט קיין ענגליש, ווייס איך צו גוט ווי דערשרעקנד עס איז זיך צו אן עצה גיבן מיט א קאמפליצירטע העלטקעיר סיסטעם אן קענען קאמוניקירן ווי עס דארף צו זיין. קיינער טאר נישט געלאזט ווערן צו פילן צומישט, דערשראקן אדער מאכטלאז ביים זיך ווענדן פאר מעדיצינישע קעיר. גאווערנער Hochul's (האקול) שריט היינט איז א גאר גוטע טריט אין ריכטונג פון גערעכטיגקייט אין אונזער העלטקעיר סיסטעם. דאס פארלאנגען פון שפיטעלער צו אוועקשטעלן ארומנעמיגע שפראך הילף פראגראמען וועט אסאך אויפטוהן צו פארבעסערן די זיכערהייט פון פאציענטן, רעדוצירן אומגלייכקייטן און זיכער מאכן אז יעדער ניו יארקער ווערט באהאנדלט בכבוד'דיג ווען עס מאכט דאס מערסטע אויס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן